STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04025

IDEAL UN LEYDEN

Henri Landwirth

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידעאל און ליידען



דר. הענרי לענסווכטר.

אידעאל און לײדען

— פון —

דר. הענרי לאנדווירטה

דראמא אין פיער אקטען

פרייז 25 סענט

קונסט פערלאג
שיקאגא, 1915

אַלע רעכטע פון אויפפיהרען
און נאכדרוק פארבעהאַלטען.

Copyright 1915, by
Dr. Henri Landwirth

אנטהיילנעהמענדע פערזאָנען

רובין עהרענזאן — — — — — — — — סטודענט, אידעאליסט

בעריש האפמאן — — — — — — — — — — א פיש הענדלער

נעכע האפמאן — — — — — — — — — — — זיין ווייב

פעני האפמאן — — — — —
ראזא האפמאן — — — — — } — — זיינע קינדער

וואָלף קאופמאן — — — — — — — — — עקספּאָרטער

דזשעק קאופמאן — — — — — — — — — — — זיין זוהן

מערי קאופמאן — — — — — — — — — — זיין ניכטע

דאָקטאר גוטמאן.

בעני ניקס — — — — — — — — — — — — דעטעקטיוו

משה פלאכקאָפּ — — — — — — — — — — אַן ארבייטער

רעשיל פריילעב — — — — — — — — — — דראָגיסט.

קעפּטען דזשאָן בול — — — — — — — — ענגלישער אָפיציער

מיסעס שטערגייסט — — — — — — — — — לאָדזשיר פרוי.

קעצעלע פינגערהוט — — — — — — — — האטעליערס טאָכטער.

אַ דריי יאָהריג מיידעלע.

מיליטער, פּאָליציי, דעטעקטיווס, האָטעל־געסט.

ערשטער אקט

בערלין

ערשטער אקט

ערשטע סצענע

(בערלין האָטעל פינגערהוט אין רויך סאַלאָן. אַ גרויס צימער אין דער מיט און צו בײדע זײטען טישען בעדעקט מיט שאַך־ברעטער, דאַמינא. אײנפאַכע שטולע שטעהען אַרום אײניגע שאַקעל שטולע. אין אַ דרײ־עק־װינקעל שטעהט אַ פּיאַנא, צו בײדע זײטען סקולפּטורען פון בעריהמטע מוזיקער. בײ די פערהאַנגענע פענסטער שטעהען פּאַלמען בוימער, די װענט זײנען מיט לאַנדשאַפטען בעציערט. אויפ'ן פוסבאָדען ליגט אַ אָריענ־טאַלישער טעפּיך. אַ טעלעפאָן אַפּאַראַט הענגט אויף דער װאנד).

די געסט שפּיעלען אין שאַך, אין דאַמינא, די מײסטע רויכערן. אײנער פון די געסט שפּיעלט אויפ'ן פּיאַנא שוּבערט'ס סערענאדא אײניגע מינוטען. נעבען דער פּיאַנא זיצט װאָלף קאופמאַן און רויכערט.

(װאָלף קאופמאַן: אַ דײטשער איד, װאוינט אין לאָנ־דאָן. אַרום פופציג יאָהר אַלט, פײן געקלײדעט, טראָגט אַ שװאַרצע באָרד. געשעפטסמאַן פון אימפּאָרט און עקספּאָרט. אוטאָריטעריס בענעהמען)

נעבען איהם זיצט רובין עהרענזאָן געשטיצט זײן קאָפּ אויף דער האַנד און טראַכט.

(רובין עהרענזאָן. אידעאַליסט, סטודענט פילאָזאָף. אַרום דרײסיג יאָהר אַלט. האָט אַ קלײנען שװאַרצען שנורבאָרט, לאַנגע שװאַרצע קאָפּ האָר. אַ טיפּיש אי־דישער אינטעליגענט).

קעצעלע פינגערהוט געהט אַרום די געסט, רײניגט די טישען, שטעלט צו װאַסער, פער־גנב'עט קוקט זי אויף עהרענזאָן, און שמײכעלט.

(קעצעלע פינגערהוט: אַ יונג פרײלײן, צװאַנציג יאָהר אַלט. די טאָכטער פון האָטעליער פינגערהוט)

װאָלף קאופמאַן בעאָבאַכטעט בײדע.

קאופמאן: א מאן װי איהר ברויך ניט צו זארגען. (גיט עהרענזאן א קלאפּ איבער'ן רוקען). א יונג װי איהר קען לײכט געװינען ליעבע בײ אלע מײדלעך. יונג, אנ־ציהענד, שעהן, געבילדעט, איהר קענט בעקומען פופציג טויזענד נדן. נאר ניט געזארגט, ברודער!

עהרענזאן: יא הערר קאופמאן, בײ אײך איז אלעס געשעפט, קויף און פערקויף. פופציג טויזענד, הונדערט טויזענד, װאס װײסט איהר פון א אידעאל. בײ אײך שפּיעלט דאס געלד די ראלע, ניט דער מענש. איבריגענס װען איך זאל ניט װיסען, אז איהר זענט אן עקספּארטער, װאלט איך געקאנט דענקען, אז איהר זענט א שדכן

קאופמאן (לאכט אויפ'ן קול): כא, כא, כא, א שדכן! ס'װאלט מיר ניט לאנג גענומען. װען איהר װיליגט אײן, האב איך שוין א שדוך פאר אײך; קעצעלע געהט פשוט אוים פון ליעבע פאר אײך.

עהרענזאן (איראניש): פון װאנען װײסט איהר דאס אזוי, הערר קאופמאן?

קויפמאן: כ'האב געזעהן אין איהרע אויגען — זי איז פערליעבט!... בײ מײן עהרענװארט: אזוי קוקט נאר א פערליעבט מײדעל.

עהרענזאן: װי ס'זעהט אוים, זענט איהר א גוטער „פּסיכאלאג", הערר קויפמאן, א פאכמאן...

קויפמאן: איך בין א פּראקטישער געשעפטסמאן — װען די סחורה געפעהלט מיר, הײם איך קויפען... נעהמט מײן װארט, איך מײן עס גוט, װערט פּראקטיש װי איך... װאס דען, בלײבען אן אלטער בחור, װאוינען אלע יאהרען אין האטעל, איז דאס א לעבען... איך פרעג אײך?... װען איהר הײראט בעקומט איהר א פרוי,

איהר האָט אן אייגען היים, איהר בעקומט געלד... און איהר זענט א בעל־הבית... נעהמט מיין וואָרט, הערר עהרענזאָן, הייראט, און ווערט א בעל־הבית!

עהרענזאָן: מערקווירדיג זיינען די געשעפטסלייט!...

קויפמאַן: וואָס מיינט איהר?

עהרענזאָן: איך מיין, נאָך אייער אַרט „דענקען" זענט איהר גערעכט...

קויפמאַן: איך פערשטעה איך ניט, ביי מיין עהרענ־וואָרט...

עהרענזאָן: איך ווייס, איך ווייס, איהר דענקט צו אָבער־פלעכליך... אום איהר זאָלט מיך פערשטעהן... דענקט איהר ניט דאָס א מאַן ווי איך, האָט געוויסע אידעאַלען, שטרעבונגען, העכערע ווינשע, עטוואָס העכערעס וואָס קען אינטערעסירען א מאַן ווי מיך אין אונזער צייט!

קויפמאַן: דאָס העכסטע גליק פון א מענשען, איז הייראטען... האָבען א גוטע פרוי און קינדערלעך. און ווען די געשעפטען געהן גוט, דאַן איז דאָס לעבענסגליק ער־רייכט...

עהרענזאָן: יא אמאָל האָט מען אזוי געדענקט — היינט דענקט מען אנדערש... די אומשטענדען בייטען זיך, די אָנגענומענע מאָראַל ענדערט זיך מיט דער צייט... די געזעלשאַפט האָט איצט אנדערע איינריכטונגען... און איבערהויפּט דאָס אלוועלטליכע רעדעל דרעהט זיך היינט אנדערש... אלעס, אלעס אין לעבען ענדערט זיינע פאָרמען...

קויפמאן: אזוי, בײ אײך דרעהט זיך אויך דאס רעדעל.. ס'איז פשוט אן אונגליק, וואו מען רעדט הײנט מיט א אינטעליגענטען יונגען־מאן, דרעהט זיך בײ איהם דאס רעדעל...

עהרענזאן: איהר האט א טעות, דאס רעדעל דרעהט הײנט (ער זיפצט טיעף) גרויס קאפיטאל, און זײנע טרײע דיע־נער, די רעגירונגען...

קויפמאן: וואס רעגירונגען? נעהמט דײטשלאנד, איז דאס ניט א פרײ לאנד... אפען פאר יעדען בירגער... יעדער מאן קען דא לעבען ווי גאט אין פראנקרײך...

עהרענזאן (לאכט הערצליך, שטעלט זיך אויף): דא האט איהר רעכט!... בראווא, בראוויסימא!

קויפמאן: איהר לאכט? האב איך ניט רעכט —

עהרענזאן: רעכט, רעכט! ווי גאט אין פראנקרײך... מען טרײבט גאט פון פראנקרײך ווי א פעסט!... די קירכען ווערען מיט פײערשפריצען גערײניגט; פון גאט, אין פראנקרײך... די דײטשע רעגירונג רײניגט, דײטשלאנד פון אויסלענדער... זי טרײבט אונז ווי די פראנצויזען טרײבען זײער גאט...

קויפמאן: וואס רעדט איהר, הערר עהרענזאן. זענט איהר פון זינען אראפ?...

עהרענזאן: איך רעד שוין ניט פון זינען — איך רעד פון ערפאהרונג... מען טרײבט אונז פון אײן עק וועלט צום אנדערן... און איהר זעהט ניט?... זײט איהר בלינד?... האט דאס אײגענטום און פאלשער פאטריאטיזם פער־בלענדעט אײער זעה־קראפט?...

קויפמאן: איך האב אײך געהאלטען פאר א קלוגען מאן— איך זעה איצט אײן, דאס איך האב געמאכט אן איר־טהום... זאגט מיר, כ'בעט אײך, פון וואנען נעהמט איהר אט די אלע רעוואלוציאנערע בראזען, אט די אלע דומהײטען?

עהרענזאָן (לאַכט איראָניש): פּראָזען ! דומהייטען, כאַ, כאַ, כאַ, פּאַקטען ! לעבעדיגע פּאַקטען ! (ער ווערט ערנסט). איך בעאָבאַכט, איך שטודיר, איך לעז, איך זעה און איך דענק... און צו אַלע צרות לייד איך — און צאָהל דעם פּרייז!...

קאַופּמאַן: פּאַרוואָס?... איך פערשטעה איך ניט...

עהרענזאָן (אויפ'ן קול): פּאַר מיין ווימען!... ווימען איז די מוטער פון ווייזהייט!... ס'איז אָבער אַ קאָסטשפּיעליג פערגניגען... ניט איינער האָט טייער בעצאָהלט פּאַר וועלען ווימען...

(צווישען די שפּיעלער בעאָבאַכטעט מען בעני ניקס ווי ער האָרכט צו דאָס געשפּרעך, און מאַכט נאָטיצען אין אַ נאָטיץ־ביכעל).

(דעטעקטיוו בעני ניקס, אַ גלאַט ראַזירטע מאָרדע, רויטע קאָפּ האָר. אַ דיקער, קרעפּטיגער יונג)

קאַופּמאַן: בערוהיגט איך, העדר עהרענזאָן, וואָס נוצט דאָס אויפרעגען, אָט זעצט זיך (ער רוקט נעהענטער דעם שטול). לאָמיך אויך ווימען, ווי ס'דריקט איך דער שוך.

עהרענזאָן: ניט נאָר איך... טויזענדע, מיליאָנען אַזעלכע ווי איך ליידען!... אונזער גאַנץ לעבען דריקט עס... איך פּיהל יענעמס ליידען, מעהר ווי מיינע... מען דריקט אונזער פּרייהייט. אַ יעדע מינדעסטע פּרייהייטס־בע־וועגונג ליידעט פּונ'ם דרוק.

(ער רעדט פערטרוילידך). זעהט איך בין אַ רוסישער איד: לאָזט מיך „מיין רעגירונג" ניט צו צו דער אוניווערזי־טעט. די טיהרען פון די אוניווערזיטעטען אין רוס־לאַנד, זיינען פּאַר'ן איד פערמאַכט!... מיר זיינען גע־צוואונגען... צו פערלאָזען אונזער „היימאַט", אונזערע עלטערן... און געהן אין אויסלאַנד שטודירען.

און איצט בין איך דא אין דער דײטשער קײזערליכען רײך׳ס הױפּטשטאָדט בערלין. איך לײד שרעקליך... מען טרײבט מיך אלס לעסטיגער אױסלענדער פון דאַנען... פּריװאַט קען איך ניט װאױנען... די פּאָליצײ טרײבט — מען האָט מיך צוזאַמען מיט פיעלע אנדערע אידישע סטודענטען אױסגעװיזען.. איך װאױן איצט דאַ אין האָטעל, אונלעגאַל; אלס רײזענדער פון זאַקען־בענדלעך בין איך אײנגעמעלדעט... יעדע דרײ מאָנאַטע מוז איך מיך אײנמעלדען און אױסמעלדען. און שטענדיג לעב איך אין סכנה ארױסגעשיקט צו װערען. רופט איהר דאָס אַן פרײהײט?... (בעני ניקס פערשטענדיגט טעלעפאָניש די פּאָליצײ).

קאָופּמאַן (שװײגט, שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. שטרעקט די האַנד צו עהרענזאָן, שטעהט אױף): ענטשולדיגט, ס׳איז שפּעט. מײן שיף געהט אװעק בײנאַכט, איך האָב נאָך מײנע געשעפטען צו בעזאָרגען. װען איהר װעט אמאָל זײן אין לאָנדאָן, בעזוכט מיך. אדיע! (אָב).

(עהרענזאָן קוקט איהם נאָך)

(ס׳קומען ארײן פּאָליסלײט און דעטעקטיװס. בעני ניקס געהט צו צו עהרנזאָן, לעגט אַ האַנד אױף עהרנזאָן׳ס שולטער). איהר זענט ארעסטירט!

(עהרענזאָן שטעלט זיך אױף). װאָס מײנט איהר?

בעני ניקס: װאָס איך זאָג. איהר זענט א רוסישער רעװאָלוציאָנער!... (צו דער פּאָליצײ) פיהרט איהם אַװעק.

(ער װערט אַרױסגעפיהרט. אַלע געסט שטעלען זיך אױף פון די טישען, רעדען צוזאַמען גרופּענװײז. קעצעלע פינגערהוט װײנט, קוקט עהרענזאָן נאָך װי ער װערט ארױסגעפיהרט).

פאָרהאַנג.

צווייטער אקט

לאנדאן, ענגלאנד

צווייטער אקט

אין וואלף קאופמאנ'ס וואָהנונג.

(אַ גרויס צימער, פיינע אייגריכטונג. גוט בעלויכטעט; צוויי טיהרען, מאָדערן סטיל און צוויי פעדהאַנגענע פענסטער מיט פור־פור רויטע גאַרדינען. אַ גרויסער שרייב־טיש, נעבען שטעהט אַ פאָליצע מיט ביכער. אין אַ זייט ביים וואַנט שטעהט אַ זאָפע, דאַנעבען אַ קליין טישעל, אייניגע גאָלדענע פאָטעלען. די ווענט זיינען בעהאַנגען מיט בילדער און לאַנדשאַפטען, צווישען קעניג עדוואַרד'ס בילד. ביים טיש אַרום שטעהן שטולען. אויפ'ן פוס־באָדען ליגט אַ גוטער אָריענטאַלישער טעפּיך).

ביים גדויסען שרייב־טיש, זיצט וואָלף קויפמאן און שרייבט. אויפ'ן זאָפאַ ליגט דזשעק אָהן אַ ראָק, האַלט די פיס אויפ'ן טישעל. לעזט אַ צייטונג. רויכערט אַ קורצע פייפ. צייטענווייז שפּרינגט ער אויף דאָ אויס פרייד, און דאָ אויס פערדרוס, לעזענדיג, אַז דער אָדער יענער בייז־באָלל טשאמפּיאָן האָט געוואונען אָדער פערשפּיעלט.

(דזשעק אַ ענגלישער ספּאָרט, גלאַט ראַזירט, פינף און צוואַנציג יאָהר אַלט, קאָמישעס בענעהמען).

פאָטער: וועל, מיין זוהן, וואָס שרייבען די צייטונגען וועגען דער מלחמה. (דזשעק מאַכט זיך ניט הערען).

פאָטער: דזשעק, דו הערסט ניט ? איך פרעג דיך עטוואָס, ווי שטעהט די מלחמה ?

דזשעק: וואָס פרעגסטו מיך, בין איך עפּעס אַ דיפּלאָמאַט!... וואָס מלחמה!... וואָס געהט מיך אָן, אז די דומקעפּ פון איבעראַל, דער־הרג'נען זיך—אַז זיי האָבען קיין פערשטאַנד, צו וואָס טויג זיי דאָס לעבען...

פאָטער: קינד מיינס, וואָס רעדסטו דאָרט?...

דזשעק: פּאַפּאַ, ההאַטס מײַן אָפּיניאָן!... דאָס וואָס איך דענק. איבריגענס, פּערדרעה מיר ניט מײַן קאָפּ, איך בין ביזי...

פּאַטער: מיט וואָס ביסטו דאָרט אַזוי ביזי, איך זעה, דו לעזט אַ צײַטונג.

דזשעק: יאָ, איך לעז אַ צײַטונג, אָבער ניט וועגען די דומ־הײַטען וואָס דו ברענגסט... איך לעז וויכטיגע ספּאָרט נײַהײַטען, איך לעז אויך וועגען קאַמפּף, אָבער ניט אויפ'ן שלאַכטפעלד מיט קאַנאָנען און דינאַמיט... פון קאַמפּף אויפ'ן שפּיעלפּלאַץ, פאַר טשאַמפּיאָנשיפּ, האָ־נארס פאַר אַטהלעטיקס, דאָס איז אינטערעסאַנט, און געזונד פאַר'ן קערפּער, ס'מאַכט פריש בלוט, געזונדע מוסקעלען און גוטען הומאָר.

פּאַטער: דזשעק, דו ביסט צופיעל פּערקאַכט אין דײַן ספּאָרט ביזנעס, דו דענקסט גאָר ניט וועגען דער גע־פאַהר וואָס דראָהט דײַן פאָטערלאַנד! ס'וועט דאָך דיר באַלד אויסקומען צו נעהמען ס'געוועהר אין האַנד, צו פערטהיידיגען דײַן פאָטערלאַנד!...

דזשעק: פּאַפּאַ! פּליעז, לאָז מיך אָפּ, פערדרעה מיר ניט מײַן קאָפּ מיט'ן פאָטערלאַנד. דו ווילסט איך זאָל שיסען מײַנע אײגענע ברידער?... אָדער אָנקעל מאַרקוס אָדער דײַן ברודער הײנריך?... פּאַפּאַ! מיר, אידען, האָבען קײן פאָטערלאַנד... הײַנט וואוינען מיר דאָ, און ווען מען וועט אונז פערטרײַבען פון דאָנען, וועלען מיר וואוינען ערגעץ אַנדערש. אַלע רעגירונגען בעטראַכטען אונז, אידען, אַלץ אויסלענדער. מיר זענען דאָך ניט ענגלענדער!... דו ביסט אַ דײַטשער יודע! און איך... ווי מײַן פערשטאָרבענע מאַמאַ פלעגט מיר זאָגען... דורך אַ צופאַל געבוירען אין ענגלאַנד. פאַרוואָס זאָל איך שיסען אויף די דײַטשען? נאָ סער! נײן, פּאַפּאַ!

איך בלייב ביי מיינע ספאָרטינג ניוס, ווען די גאַנצע ענגלישע אינזעל זאָל אונטערגעהן! איך שטודיר גיט די קריעגס־קונסט!...

(ס'הערט זיך אַ קלאַפּען אין טיהר. ביידע רופען: קאָם אין. רובין עהרענזאָן קומט אריין מיט פעקלעך אין ביידע הענד און אונטער'ן אָרים. ביידע שפּרינגען אויף, געהן דעם גאַסט אַקעגען).

רובין עהרענזאָן: גוטען אבענד, מיינע הערען. (ער טרעט אַריין).

פּאַטער (פערוואונדערט): אַ אַ גאַסט. (שטרעקט איהם אויס די האַנד). שלום עליכם. אַ אַ אונערוואַרטעטער גאַסט. ווי געהט'ס. פון וואַנען קומט איהר? הערר עהרענזאָן.

עהרענזאָן: פון די מלחמה־בעטראַפענדע לענדער... קוים מיט'ן לעבען אוועק... (ווייזט מיט'ן האַנד). אָט האָב איך מיין פעקעל מיין גאַנץ פאַגאַזש... דאָס אַלעס וואָס כ'האָב געראַטעוועט — — —

פּאַטער: דאָס איז מיסטער עהרענזאָן, א פריינד מיינער פון דייטשלאַנד.

דזשעק (רייכט איהם די האַנד): הא דו יו דו! הא דו יו דו! איי עם פּליעזט טו מיט יו. וואָט איז יור נעים אגעין?...

עהרענזאָן: מיין הערר, איהר וועט מיר ענטשולדיגען, איך בין ערשט היינט געקומען קיין ענגלאַנד, איך קען, לייד'ער, נאָך ניט ענגליש רעדען. פערשטעה אָבער אַביסעל.

דזשעק: עקסקיוז מי! עקסקיוז מי! — איך האָב געוואָלט וויסען אייער נאָמען.

עהרענזאָן: מיין נאָמען? מיט פערגניגען! רובין עהרענזאָן.

דזשעק: יו גאָט, א פיין נעים, א פּיטש אָף א נעים! אַ סאַן־אָוו הענאָר.

פאַטער: יאָ, מײַן זוהן, דער יונגערמאַן טראָגט מיט עהרע זײַן נאָמען, מיט איהם װעסטו דיך קענען אונטערהאַל־טען, ער פערשטעהט די װעלט!... איז אָבער אַ שלעכ־טער געשעפטסמאַן!...

דזשעק: אָלל־רײַט, אָלל־רײַט. געשעפט איז ניט אַלעס. עהרע שטעהט העכער. (צו עהרענזאָן): װאָס זאָגט איהר?

עהרענזאָן: דאָס מוז דיסקוטירט װערען — יעדע זאַך מוז מען אַנאַליזירען, צוטהײלען אויף גוט און שלעכט, אין לעבען האָט אַלעס אַ װערטה!... מען מוז פערשטעהן, אָבצושעצען דאָס גוטע, און דאָס שלעכטע. יאָ, דאָס איז אַ פראַגע, װעלכע קען דיסקוטירט װערען.

פאַטער (צו דזשעק): װאָס באַדערסטו, לאָז הערר עהרענזאָן אַביסעל אָברוהען. (צו עהרענזאָן): מאַכט זיך בעקװעם, מײַן פרײַנד. (זײ העלפען איהם אױיקלײגען די פעקלעך אין אַ זײַט. ער נעהמט אַרונטער זײַן ראָק, הענגט איהם אויף).

קאַופמאַן (דריקט אַ עלעקטרישען באַטען, װערכער איז אין דער װאַנד בײַם קיכען טיהר. מערי קומט אַרײַן. קאַופמאַן שטעלט זי פאַר פאַר עהרענזאָן אַלס זײַנע ניכטע. ער גיט איהר דאַן אַ אָרדער צו מאַכען טהע. מערי קוקט געהענדיג אין קיך אויפ'ן גאַסט פערװאונדערט, שײַנבאַר ענטציקט, לאָזט אַראָפּ פערשעהמט דען קאָפּ און געהט אין קיך. אַלע דרײַ זעצען זיך בײַם טיש).

(מערי, די ניכטע פון װאָלף קאַופמאַן. פיהרט זײַן הויז־האַלט. אַ מײדעל צװאַנציג יאָהר אַלט)

קויפמאַן: דערצעהלט אונז עטװאָס װעגען אײַער רײַזע איבער דעם נאָרדזעע.

עהרענזאָן: איבער דעם נאָרדזעע?! (פערװאונדערט), װער קען דאָס הײַנט פאָהרען איבער דעם נאָרדזעע!... אַלע דײַטשע קריעגסשיפען בלאָקירען איצט די נאָרדזעע, איבערהויפט איז אַ גרויסע סכנה צו פאָהרען איבער'ן ים... אַלע ימים זײַנען פערזעהט מיט מינען, און עק־

ספּלאַזיאָנס שטאָפּען... די לעצטע צייט זיינען צעהנ־
דליגע שיפען, צו'ן גרונד געשאָסען געוואָרען... טוי־
זענדער מענשען האָבען דאַביי זייער לעבען פערלאָרען...
די דייטשען האָבען וואונדערבאַרע אונטערזועע באָטע.—

דזשעק: יעס ! יעס ! דהאָוס טעריבעל סובמאַרינס!...

קויפמאַן: ווען ניט די סובמארינס!.. און צעפּעלינס!...
וואָלטען מיר שוין לאַנג געוויזען די דייטשען ווער ס'איז
דער הערשער איבער אַלע וואַסערן!...

דזשעק (לאַכט איראָניש): פּאַפּאַ וואָס רעדסטו ! ? דו ביסט
דאָך אַ... דייטשער יודע, ביזטו געגען דיין אייגען פאָ־
טערלאַנד! ? ...

קויפמאַן: דאָס האָסט ניט צו טון מיט'ן פאטערלאַנד... גע־
שעפט, איז געשעפט!... ווען ענגלאַנד בעהערשט די
וואַסערן, האָבען מיר אַ פרייען האַפען אָפען פאַר סחורות
פון דער גאַנצער וועלט!... (מערי קומט אַריין).

(מערי קומט אַריין פון קיך, מיט טהע, דעקט דעם טיש, גיסט איין
טהע. נעהמט זיך אַ גלאָז טהע, זיצט זיך ביי אַ זייטען טישעל,
האָרכט פעראינטערעסירט צום געשפרעך).

דזשעק: פּאַפּאַ, דו זאָגסט, איך באַדער, הא ?... דו ביסט
אזוי פערקאָכט אין דער מלחמה־פראַגע, אז דו זעהסט
גאָר ניט דעם טהע!... פאַר אונז.

קאַופמאַן (שמייכעלט): רעכט, רעכט, לאָמיר טרינקען, מיר
קענען אָבער ווייטער דיסקוטירען די פראַגע, וועלכע איז
אונז אזוי נאָהענט צום הארצען... ווי זאָגט איהר, הערר
עהרענזאָן ?

עהרענזאָן: נאָהענט צום הארצען?... געווים ! ווי פאַר
וועמען... אין אַ געוויסען גראַד, בעריהרט די מלחמה
יעדען איינעם — איבערהויפּט די געשעפטסוועלט; פון
אימפּאָרט און עקספּאָרט. די וואָס זיינען פעראינטע־
רעסירט אין וועלט־מאַרק!... זיי טרעפט די מלחמה
מעהר אין געלד־זאַק, ווי אין האַרצען...

קאַופמאַן (אונרוהיג, אַביסעל נערוועז): הערר עהרענזאָן,
איך דענק, איהר זענט אַביסעל פּאַרטייאיש!... ווער
האָט דאָס ניט קיין נאָהענטע קרובים אין דער מלחמה?
דענקט איהר, מען קען זיין גלייכגילטיג? !

עהרענזאן (שטעלט זיך אויף, ווערט ערנסט, רעדט שארף): יא, גראָס־קאַפּיטאַל איז בלינד! דער קעניג מאַמאָן שפּיעלט בּיי זיי די הויפּט ראָלע! געלד און פּראָפיט איז ביי זיי טייערער ווי מענשליכע לעבענס!... (בעדויערליך) ווער ס'האָט געזעהן, ווי איך די פּאָלגען, פון דער מלחמה... פערבייפאהרענדיג די שלאכטפעלדער! פּערקליידעט אלס דייטשער סאָלדאט, איבער פּוילען, דייטשלאנד, בעלגיען. נאמור, ליעזש, אנטווערפּען, לואווען, צער־שטערטע און פערניכטעטע היסטאָרישע שטעדט.. בערג פון אש, און רואינען, אנטלאָפענע איינוואָהנער, נאקעטע קינדער און פרויען האלב וואהנזיניגע, אלטע מענער, צערשראָקענע, פערהונגערטע, בלאָנדזשענדע מענשליכע געשטאלטען, צעהנדליגע גע־הרג'עטע און צוריסענע מענשען־קינדער, קערפּער טויטע, צערשטי־קעלטע קערפּער!.. פון אייגענע ברידער.... אין די יוני־פאָרמען פון רוסישע, דייטשע, בעלגישע, עסטרייכישע, פראנצויזישע און ענגלישע סאָלדאטען... יאָ, ווער דאָס זעהט, דעם געהט די שרעקליכע מלחמה נאָהענט צום הארצען — איך וועל קיין מאָל אין לעבען ניט פערגע־סען וואָס דאָס האָט איינגעקריצט אין מיין מוח און הארץ! וואָס מיין הארץ האָט געפיהלט! וואָס מיינע אויגען האָבען געזעהן! הענד אָבגעהאקטע, מענשליכע צוקריפּעלטע קערפּער! יונגע בליהענדע, שעהנע פער־בלוטיגטע קעפּ מיט קאלטע פערגלאָצטע אויגען, גאנצע בערג פון אומערקענטליכען מענשען־פלייש!...... בלוט! און בלוט! גאנצע טייכען פון מענשענב.,וט!... די פעלדער פערוויסטעט, די הייזער צערשטערט, פון קאנאָנען־קוגלען צערשמעטערט די ערד; געדיכט ווי א האָגעל פון שטאָל און בליי, פליהען גראנאטען איבער די קעפּ פערביי, טויט! טויט! און פערניכטונג! פאָר אלע פעלקער, דאָס ברענגט די מלחמה!....

מערי (לאזט אַרויס אַ שרעקענסגעשריי און פאלט אין אָהנמאַכט)

פאָרהאנג.

צווייטע סצענע — אין וואָלף קאופמאַנ׳ס געשעפטס אָפּיס.

פּריוואַט אָפּיס.

(אַ גרויס צימער אין צוויי אבטהיילונגען. פּריוואַט אָפּיס און פאַר אָנגעשטעלטע. איינפאַכע אָפּיס איינריכטונגען. אַ זאָפא, אַ שרייב־טיש, אַ טעפּיך אויפ׳ן פלאָר. איניגע בילדער אויף די וועגט, דאַרונטער אַ בילד פון קעניג עדוואַרד דעם זיעבטען, אַ גרויסער וואַנד קאָלענדאר מיט׳ן דאַטום 1טער דעצעמבער, 1914, אַ פּאָליצע מיט ביכער, אַ קליידער אויפהענגער שטעהט ביי דער טיהר).

אָפּיס פאר אָנגעשטעלטע

(אַ שרייבטיש, אַ שרייבמאַשין, איניגע איינפאכע אָפּיס בענקלעך, אַ הענגער פאַר קליידער, א לאנדקאַרטע אין גרויסען פאָרמאַט אויף דער וואַנד, אַ קאלענדאר, אַ טעלעפאָן אפּאראַט אָנגעבראכט אויף דער וואנד).

קאופמאן : (זיצט און שרייבט אין אָפּיס).

ראָזא האָפמאַן : שרייבט אויף דער טייפּרייטער אין צווייטען אָפּיס. (דער טעלעפאָן קלינגט) ראָזא געהט צום טעלעפאָן, נעהמט דעם רעסיווער רופט האלאָ, נאָך א אנטוואָרט וואָס זי בעקומט רופט זי : הערר קאופמאן, א דזשענטעלמען מיט׳ן נאמען עהרענזאָן וויל צו איך רעדען ביים טעלעפאָן.

(ראָזא, אַ פריילין פינף און צוואַנציג יאָהר אַלט, שעהן ענטוויקעלט פיזיש, אינטעליגענטעס בענעהמען. אַ טייפּרייטערין אין אָפּיס פון וואָלף קאופמאַן)

קאופמאַן (צו ראָזען), עהרענזאָן ? א מיין פריינד עהרענזאָן!

(ראזא זעצט זיך ווייטער צו דער אַרבייט).

קאופמאַן (רעדט אין טעלעפאָן): האלא עהרענזאָן? אַ איך! איך ! איך בין דאָס!... וואלף קאופמאן! שלעכט ? — וואס, צו פיעל איינגערעגט ? — יא, יא ס׳וועט איהר בעסער ווערען — יאָ קומט אהער באלד איך ווארט אויף אייך ! אדיע. (ער הענגט אויף דעם רעסיווער).

קויפמאן: מיט האפמאן, איהר וועט היינט האבען א גייסטיגען פערגניגען... דער הערר, וואס איך האב איצט גערעדט דורכ'ן טעלעפאן, דאס איז א פריינד מיינער, הערר עהרנזאן פון דייטשלאנד. א מאן! אינטעליגענט, געבילדעט, ער האט שטודירט פילאזאפיע אין דער בערלינער אוניווערזיטעט, א שפראכען־קענער; מיט אייןווארט ס'איז דא מיט וועמען צו רעדען...

ראזא (נייגעריג): ער וועט קומען דא אהער?...

קאופמאן (געהט צו צו ראזא גיט איהר א קניפ אין באק) קינד! א מאן.... אין העכסטען זין פוןווארט, נעכטען ביינאכט איז ער געווען ביי מיר, ווען מיינע ניכטע האט געהערט איהם דערצעהלען און שילדערען זאכען וואס ער האט זיך אנגעזעהן אויפ'ן שלאכטפעלד פון בעלגיען, אין פוילען... איז זי געפאלען אין חלשות פון אויפרעגונג... קינד! דו וועסט איהם באלד זעהן און הערען, ער קומט באלד, אט נאר וואס וועט ער דא זיין.

ראזא: ער מוז ווירקליך זיין א אינטערעסאנטער מענש?...

קאופמאן: אינטערעסאנט?....א גייסטיגער ריעז!.....

ראזא: איך וואלט איהם שוין גערן זעהן?...

קאופמאן: דו וועסט איהם זעהן! וועסט איהם זעהן (ער גיט איהר א קניפ אין באק, זי גיט איהם א קלאפ איבער'ן האנד, ער געהט אין פריוואט אפיס).

דזשעק: (קומט אריין) גוט מארגען, מיין טייער רויזעלע.

ראזא: גוט מארגען, מיסטער דזשעק

(דזשעק געהט אריין אין פאטערס אפיס, בעגריסט זיין פאטער, טהוט זיך אויס זיין ראק, פערוויכערט זיין פייף, לעגט זיך אויפ'ן זאפא, רעדט צום פאטער).

פאפא, דער פריינד דיינער, מיסטער עהרנזאן הי איז א קלעווער גאי יו נא! כא־כא־כא... ווי פיין ער האט

נעכטען דערצעהלט וועגען דער מלחמה... אָרימע מערי ס'האָט איהר וויין הערצעל צוגעדריקט... געהט און חלש'ט כאַ־כאַ־כאַ..... באָט יו נאָ! ער ווייס וואָס ער רעדט, דער דייטש, הי איז סאָם גאָי!...

(ער שפּרינגט פּלוצלונג אויף, געהט אריין צו ראָזא, געהט צו איהר, נעהמט זי אָן ביי ביידע אָרימס).

יו נאָ מיס האָפמאַן, מיין פאָטער האָט א פריינד, הי איז סאָם גאָי!... הי איז א פיטש אָוו א מען, היז נעים איז סאָן אָוו האָנאָר!...

ראָזא: איהר רעדט אַזוי ענטהוזיאַסטיש פון דעם הערען, איהר מוזט זיין אין איהם פערליעבט.

דזשעק: פערליעבט? יאָ איך בין פערליעבט!... איך בין פערליעבט... שוין זייט לאַנג פערליעבט.

(ער פאַלט פאַר איהר אויף די קניע).

ראָזעלע! מיין טהייערע, מיין בלימעלע, מיין שעהנהייט, מיין געטין, מיין ווענוס, מיין־מיין אַלעס — מיין נשמה'לע איך בין פערליעבט אין דיר, פערליעבט! שטערבליך פערליעבט — זאָג איין וואָרט! זאָג יאָ! און די גאנצע וועלט איז מיין.

(ס'הערט זיך א קלאפּ אין טיער, ראָזא שטויסט איהם אָפּ פון זיך, ער שטעלט זיך אויף און עפענט די טיער, רובין עהרענזאָן קומט אריין, פערנייגט זיך) מיט מארגען מיינע דאמען און הערען.

(וואָלף קאופמאן קומט אַריין, ביידע בעגריסען דעם גאַסט, ראָזא ארבייט פלייסיג, האלט אין קאָפּ פערטיעפט ערנסט ביי דער שרייבמאַשין. וואָלף קאופמאן שטעלט פאָר עהרענ־זאָן פאר ראָזאן, ראָזא קוקט איהם גלייך אין די אויגען, דערלאַנגט איהם איהר האַנד, זעצט פאָרט איהר אַרבייט).

עהרענזאָן בלײבט שטעהן אין אַ זײט און קוקט, בעוואונ־
דערט די שעהנהײט פון ראָזא, קאופמאַן בעמערקט עהרענ־
זאָנס בליק.

צו עהרענזאָן) איהר האָט אַ גלענצענדע געלעגענהײט
צו לערנען ענגליש רעדען ווען איהר זאָלט וועלען —

עהרענזאָן: אדרבא! (נײגעריג) ווי אזוי?

קאופמאַן: (ווענדעט זיך צו ראָזא) און דו, פראנצויזיש.

ראָזא: (נאיוו) וואס מײנט איהר?

קאופמאַן: גאנץ אײנפאך, דו ברויכסט פאר קאָרעספאָנ־
דענץ—פראנצויזיש! און הערר עהרענזאָן פאר קאָנ
ווערזאציאָן — ענגליש! העלפט זיך געגענזײטיג...

עהרענזאָן: וואונדערבאר! וואָס פאר אַ פײנער פסיכאָ־
לאָג דער קאופמאַן איז.

קאופמאַן (שמײכעלט): וואָס דענקסט דו, ראָזעלע?

ראזא: וועל, ווען עס וואלט ניט געווען צו שווער פאר
הערר עהרענזאָן —

עהרענזאָן: מיט פערגניגען אדרבא! א וואונדערבארע
געלעגענהײט! בעסער ווי געוואונשען...

דזשײק: (וועלכער זיצט די גאנצע צײט אויפ'ן שרײבטיש
פערטראכט, רויכערענדיג, שפרינגט אויף פלעצליך) מיסטער
עהרענזאָן! וואָס דענקט איהר וועגען מײנע קאָזינע
מערי?.... פאלט אין חלשות, קוים וואס מיר האָבען זי
ערמינטערט!...

עהרענזאָן: וואס זאָל איך דענקען. ס'איז גאנץ אײנפאָך
און נאטירליך, א געפיהלפאָל הערץ הערענדיג די שרע־
קען פון דער מלחמה, האָט דאָס איהר בײם הערץ צוגע־
דריקט, און זי איז געפאלען אין אָהנמאַכט.

קאופמאן: גענוג זאל שוין זיין גענוג מלחמה! ס'וועט מערי חלילה ניט שאדען, א מיידעל וויים איך ווצים, ס'איז נאר געווען פאר'ן מאמענט. לאמיר ניט רעדען מעהר פון דער מלחמה... איך האב א פארשלאג, לכבוד אינ־זער גאסט וועל איך אלע איינלאדען צו דינער!

(ער ווענדעט זיך צו ראזא) דו ראזעלע וועסט מיטקומען? —צו עהרען פון אונזער פריינד! —

ראזא: (פול מיט אויפריכטיגע פרייד) מיט פערגניגען, אז איהר לאדעט מיך איין!

עהרענזאן: איך האב גאר ניט ערווארטעט אזא אויפריכ־טיגע פריינדשאפט! (קוקט אויף ראזא) איך דאנק אייך אויפריכטיג פאר אייער גאסטפריינדליכקייט. (ער דריקט קאופמאן די האנד).

קאופמאן: איך פרעה מיך ווען מיינע יונגע פריינד פיהלען זיך גליקליך! דאס איז דאס גרעסטע גליק פאר מיר...

דזשעק (ווענדעט זיך צו עהרענזאן): יו פיל העפפי?... איי דאנט!....

עהרענזאן: איהר ווייסט אז איך פערשטעה ניט קיין ענגליש.

קאופמאן: טוט אייך אן קינדער לאמיר געהן! (צו ראזא זיך ווענדענדיג שמייכעלט)

דו מיינע צוקינפטיגע פראנצויזישע קארעספאנדענטין מאך זיך פערטיג, מיר געהן, קומט מיר געהן אין פראסקאטי!...

(קאופמאן, עהרענזאן, ראזא געהן ארויס, דזשעק בלייבט איבערפערטראכט שטעהט פאר א מינוט נאכדענקענד, ער בויגט א פויסט צו דער פערמאכטער טיהר. זאגט שנעל: איך וויים וואס איך'ל טון — (ער עפענט די טיער לויפט ארויס).

פארהאנג

דריטע סצענע אין עהרענזאָנ׳ס לאַרזשי.

(אַ צימער אײנפאך מעבלירט, אַ רונדער טיש אין מיטען שטוב צװײ שאָקעל שטולען, אַ שרײבטיש, די װענט בעהאנגען מיט בילדער, און לאנדשאפטען, צװײ פענסטער מיט װײסע פאָרהאַנגען, בילדער פון טאָלסטאָי, גאָרקי, קראפּאָטקין, װאגנער, מענדעלזאָן, הײנריך הײנע, קאַנט און ספינאָזא; א לאנדשאפט שטעהט ניט אויסגעפערטיגט אין א װינקעל אויף אַ מאַהלערשטענד, סקולפּטור ביסטען פון בעטהאָװען און מאָזארט נעבען די פענסטער, בלומען אויף א טישעל אין אַ ראָזאָװער װאזע, א פּאָליצע מיט ביכער. בײ דער װאנט א בעט װײס איבערצױגען, בײ דער צװײטער װאַנט אַ זאָפא, אַ קלײדערקאסטען. די װענט זײנען טאפּעציערט מיט העל ראָזא טאפּעטען).

אין צימער איז דונקעל, פון דרױסען שײנט ארײן די לבנה, נעבען פענסטער אַרױסקוקענדיג שטעהט רובין עהרענזאָן, זינגט שטיל פאר זיך. (אין ערװארטונג).

הערליכע פריהלינג׳ס, צויבער נאַכט,
געטליכע ליעבע, ראָזען פּראַכט.
איביגע יוגענד׳ס, זיסער טרוים,
געליעבטע מײן, װען קומסטו שוין.

ער מאַכט אַװעק דעם פאָרהאַנג פון פענסטער, קוקט ארום אײניגע מינוטען, װערט אונרוהיג, געהט צום טיש, לעגט צוזאמען די צײטונגען און פּאַפּיערען װעלכע ליגען אויפ׳ן טיש צוזאמענגעװאָרפען, קוקט אונרוהיג אויף דער טיער, אויפ׳ן זײגערעל, מאכט אויף די טיער, קוקט ארונטער פון די טרעפּען, געהט צוריק צום טיש, זעצט זיך לעזען. ס׳הערט זיך אַ קלאפּ אין טיער, ער שפּרינגט אויף, ס׳קומט ארײן מיסעס שטערגײסט, עהרענזאָן שטעהט ענטױשט.

מיסעס שטערגײסט, אַ אידענע אין די מיטעלע יאָהרען,
אַ טיפּישע לאָדזשיר מיסעס)

מיסעס שטערגייסט: עפעס א מיס, א מיס ווייל איך זעהן אונטען ווארט זי אויף איך.

עהרענזאן: שוין שוין (ער לויפט ארונטער). (פּאַוזע)

מ׳הערט אַ לעבהאַפטעס געלעכטער פון דדרויסען. עהרענ־זאָן און ראָזא קומען אריין. ער העלפט איהר אויסטון איהר מאנטעל, זי נעהמט ארונטער איהר הוט לעגט איהם אַוועק.

עהרענזאָן: זאַ מיין ליבע לעהרערין זעצט איך (ער ברייננגט איהר צו א שטול) א דאנק מיין ליבענסווירדיגען לעהרער (זי זעצט זיך, עהרענזאָן נעהמט פון ביכער שראנק א בוך, דאן פאפיער און טינט, ער עפענט דאָס בוך) —

דאָס איז איין פראנצויזיש־דייטשעס לעהר־בוך, דאָס האָב איך נאָך פון דער האָכשולע.

(ער זיפצט שווער).

ראָזא (פערוואונדערט): וואָס איז דאָס א שווערעס האַרץ?..

עהרענזאָן: שווערע עראינערונגען פון דער פערגאנגענ־הייט — —

ראָזא (ליבפול) וואס איז געווען ווערט פערגעסען איצט מוזט איהר פון דער געגענווארט דענקען!

עהרענזאָן: יא די געגענווארט און די צוקונפט זאל זיין א בלומענקראנץ אויפ׳ן קבר פון דער פערגאנגענהייט.

ראָזא: (ענטציקט) וואָס זאל אונזער ערשטע וואָרט זיין צום לערנען — מיט וואָס בעגינען מיר?...

עהרענזאָן: (צערטליך) דאָס ערשטע?... דאָס אלער ערשטע, דאָס אייביג לעבעדיגע, די ליבע!... ל׳אמאר וויוו טוזשור! די ליבע לעבט אייביג!

ראָזא: (ענטהוזיאסטיש) די ליבע! ל'אמאָר! ווי הערליך! ווי שעהן דאָס קלינגט!... פראנצויזיש איז א וואונדערבאַרע שפּראַכע...

עהרענזאָן: זי וועלען זעהר שנעל לערנען פראנצויזיש!.... זי האָבען אַ גוטע אויסשפּראַכע —

ראָזא: איך וואָלט זעהר גערן קענען; לערנט מיך מיין ליעבער לעהרער, איכ'ל זיין אַ גוטע שילערין איכ'ל פאָלגען...

עהרענזאָן: מיר וועלען זעהן וואס די צייט וועט ברענגען —ערפאַהרונג איז דער בעסטער מייסטער!....

ראָזא: מיין פריינד, צווייפעלט איהר אין מיין אויפריכטיגקייט?....

עהרענזאָן: ניין, ניט פאַר אַ מאָמענט! אָבער...

ס'הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיהר, ביידע ווערען איבערראַשט, קענטיג אביסעל געשמיערט — די טיער עפענט זיך, מיסעס שטערגייסט שטעקט איהר קאָפּ אריין. זי קומט אריין, בלייבט שטעהן ביים טיער). קינדערלאך, ס'איז קאַלט אין דרויסען, אפשר מאכען א ביסעלע ווארמען טהע?

עהרענזאָן (קוקט פראגענד אויף ראָזא) וועלען זי טרינקען, פרייליין?

(ראזא מאכט א צייכען אויף יא).

עהרענזאָן (צו מיסעס שטערגייסט) גוט, מאכט טהע, (זי געהט ארויס).

עהרענזאָן: אַ שלעכטער גייסט, אין אַ גוטער מאסקע—

ראָזא: דער גייסט מיינט גוט; נאָר ער האנדעלט דום!...

עהרענזאָן: ווי פאַרטרעפליך מיר פערשטעהען זיך, ווען איך וואָלט פאַראורטהיילסבאָל געווען, וואָלט איך גע־גלויבט אין דער געטליכען בעשטימונג —

ראָזא: גלויבט איהר ניט?....

עהרענזאָן: ניין! פריינדין, איך גלויב ניט... איך בין פריי! פריי ווי דער פויגעל!... פריי ווי דער ווינד!... פריי ווי די אינגעשטערטע לופט אין אוניווערזום....

ראָזא (ענטציקט) א גאַנץ פרייער גייסט?...

עהרענזאָן: ווען איך בין מיט זיך אליין פיהל איך ווי א אָדלער פריי! אויפ'ן העכסטען בעלזען איבער א שטור־רעמדיגען ים!.... ווען איך קום צווישען די מענשען פיהל איך ווי א פערפאָלגטער האָז, וועלכער ווערט געיאָגט פון אלע זייטען... א יעדער וויל איהם דער־שיסען צוליעב איין איינציגען מאָהלצייט!...

ראָזא (נאַיוו) איהר פערפאָלגט!.... פאַרוואָס?...

עהרענזאָן: צוליעב מיינע אידעען! ווייל איך שרייב און רעד געגען דער הייגטיגער אונגלייכען בארבאַרישען געזעלשאַפט און איהרע אונמענשליכע איינריכטונגען, און ווייל איך בין געבוירען א איד!....

(א קלאפ אין טיער, מיסעס שטערנגייסט קומט אריין מיט טהע און געבעקס) טרינקט קינדערלאך, לאָז זיין מיט מזל! (זי געהט ארויס) (בײדע) א שעהנעם דאנק אייך... (זיי קוקען זיך אָן געגענזייטיג, שמייכלען, טרינקען טהע) (פּאוזע)

ראָזא: ס'איז שוין שפּעט. מיין מאמע האָט מיר אָנגעזאָגט צו זיין היינט פריה אין דער היים, איך בין באלד פון דער ארבייט אריבערגעקומען צו אייך....

עהרענזאָן (קוקט אויפ'ן זייגערעל): ס'איז נאָך צעהן, איהר האָט נאָך אודאי צייט?

ראָזא: וואו האלטען מיר מיט אונזער פּראָנצוויזיש? ביי וואָס זיינען מיר געבליבען?....

עהרענזאָן (צערטליך ליבפול) ביי וואס מיר האָבען אָנגע־פאַנגען!..... ביי דער ליעבע! (ביידע שטעהן אויף, עהרענזאָן קוקט ראָזא גלייך אין די אויגען). מיר בלייבען ביי דער ליעבע!

ראָזאַ (פערליבט) לאָמיר פאָרטזעצען!... מאָרגען וועט זיין אונזערע ווייטערע פאָרטזעצונג — (זי טוט זיך אן ער העלפט איהר)

עהרענזאָן: נון געליבטע פריינדין?.... (ער נעהמט איהרע ביידע הענד אין זיינע און קוקט איהר גלייך אין די אויגען) וואָס האָבען מיר היינט געלערענט?..

ראָזאַ (ענטציקט): ל'אַמאָר וויוו טוזשור! די ליעבע לעבט אייביג!.... (ער דריקט זי צו זיין ברוסט, נעהמט זי ארום און פרעסט אויף איהרע ליפען א קוש).

פאָרהאַנג.

פיערטע סצענע ווי פריהער.

(עהרענזאן, ראזא זיצען ביים טיש שרייבען, לעזען, רעדען צווישען זיך שטיל, פון צייט צו צייט הערט זיך א שטילעס ליבעס געלעכטערל פון ביידע פערליבטע. פון דרויסען הערט מען שווערע טריט איניגע שטימען רייד ען אויפ'ן קול, א שטארקער קלאפ אין טיער, די טיער עפענט זיך, בעריש האפמאן, זיין ווייב נעכע און טאכטער פעני קומען אריין).

(בעריש האָפמאַן, אַרום פופציג יאָהר אַלט, אַ רוסישער איד (עמיגראַנט), האַנדעלט מיט פיש אין לאָנדאָנער ליין)

(נעכע, זיין ווייב, אַ פרוי צווישען פערציג און פופציג, איינגעהילט אין אַ פאַטשיילע. אַ טיפישע לאָנדאָן ליין אידענע)

(פעני, בעריש צווייטע טאָכטער. אַ פעקטאָרי מיידעל. צוואַנציג יאָהר אַלט. א חוצפה'דיג בענעהמען. קייעט בעשטענדיג טשואינג־גאם)

נעכע: א שווארצער חלום צו דיין קאפ, זעה נאָר א מויד.. וואס טוסטו דאָ הא?... ביי א פרעמדען יונג אין זיין רום! ווער איז ער דאָס?—

בעדיש: א היים דו חצופה! (ער גיט א טופע מיטן פוס) א היים! א היים זאג איך!...

פעני: וואָט יו טהינג אָף הער טהאט איז א שעים! (מיט חוצפה) שעים אָן יו (עהרענזאָן שטעלט זיך אויף, געהט צו דער טיער פערמאכט די טיער, ווענדעט זיך צו בערישען: מיין ליבער איד, בערוהיגט איך, זייט ניט אויפגערעגט זעצט איך, (ער רוקט איהם אונטער א שטול).

בעדיש: איך וויל ניט זיצען. (גיט א שטופ דעם טשער וועל־כער פאלט אום).

נעבע: א געמײנער יונג זענט איהר! װער זענט איהר דאס? װאס איהר בערנארט מײן טאכטער צו זיך.
(ראזא װײנט בעהאלט איהר פנים אין בײדע הענד).

נעבע: װײן, װײן! אויף די צרות װאס דו ברענגסט אויף מײן מאמעס קאפ, שעהמסט זיך גאר ניט פאר לײטען? גרױס איז די שאנדע.

עהרענזאן (געהט צו צו ראזאן בערוהיגט זי)

נײן מײן פרײנדין! ניט װײנען — מוטה איז נױטיג אין קאמפף!... דאס לעבען איז א שלאכטפעלד, פון אין אונטערבראכענעם קאמפף!.. די פינסטערניש איז כמארנע און טריב, די זון איז ליכטיג! די ברענענדע זונען שטראהלען פערטרײבען און ברעכען דורך די כמארעס איידער ס'קומט דער ליכטיגער טאג....

(אלע שטעהען רוהיג װי פערשטײנערט הערען אויפמערקזאם צו, ראזא הױבט אויף איהר קאפ קוקט עהרענזאן גלײך אין די אויגען) ענטשולדיגט מײן טהײערער פרײנד װאס איהר האט דורך מיר אזױ פיעל אונאנגענעהמליכקײטען.

עהרענזאן: מײן ליעבע פרײנדין, איהר ברױכט זיך ניט צו ענטשולדיגען, דאס איז פאר מיר קײן נײעס—ניט צום ערשטען מאל פיהל איך דעם שטױס פון פינסטערניש און פאנאטיזם; ברוטאל איז די הײנטיגע געזעלשאפט..... — ס'איז אמת מיר אידען לײדען מעהר פון אלעמען — די יונגע דורות לײדען אײביג פון דעם פאנאטיזם, װאס איז אײנגעװארצעלט בײ אלע פעלקער און נאציאנען: דאס איז א איבערבלײבעניש פון אלטע פינסטערע פאנאטישע צײטען... די יונגע דורות מוזען האלטען אין אײן קעמפפען!— זיך ניט אונטערגעבען ביז ס'װעט קומען דער ליכטיגער טאג װעלכער װעט פערטרײבען אלע שטערונגען פון מענשליכען גליק!.

(מען הערט אַ שווערעס געהן פון דרויסען, אַ שטאַרקען קלאַפּ אין טיער, עהרענזאָן עפענט די טיער, ס'קומט אריין אַ אָפיציער און אייניגע סאָלדאַטען אלע שטעהען ווי פריהער קענטיג איצט דערשראָקען, עהרענזאָן רוהיג געפאַסט).

קעפּטען דזשאָן בול (מיט א דאָקומענט אין דער האנד און א בוך אונטער'ן אָרים, רעדט שטרענג צו עהרענזאָן) וואַט איז יור נעים ?

(קעפּטען דזשאָן בול, אַן ענגלישער אָפיציער)

(עהרענזאָן קוקט פראַגענד אויף ראָזא).

(ראָזא צום אָפיציער) דהיז דזשענטעלמען דאז נאָט ספּיק ענגליש, היז נעים איז רובין עהרענזאָן !

קעפּטען: יור א דזשערמאַן! שפּרעכען זי דייטש? —

עהרענזאָן שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אָף יאָ)

קעפּטען: ווי הייסען זי ? !

עהרענזאָן: רובין עהרענזאָן

קעפּטען: פון וואַנען קומען זי ?—

עהרענזאָן: פון דייטשלאַנד.

קעפּטען (פאַר זיך): דזשערמען ספּיי, (צו עהרענזאָן): דייטשער שפּיאָן! — — —

עהרענזאָן: איך בין א איד געבוירען אין רוסלאַנד!...

קעפּטען: וואָס האָבען זי געמאַכט אין דייטשלאַנד ?

עהרענזאָן: שטודירט.

קעפּטען: האָבען זי איהרע דאָקומענטע?

עהרענזאָן (פּערלעגען) ניין איך... — איך האָב געוואהנט ניכט לעגאַל —

קעפּטען: אַ הא ווי נאָט יו!... קענען זי מיסעס שטער-נייסט ?...

עהרענזאָן (אויפגערעגט) יאָ איך קען איהם! ער איז איבע-ראל!... יעצט איז ער מיין לאָרדשיר פּרוי —

אַפיצער (שטרענג) אלס דייטשער שפּיאָן מיט פאַלע בעווייזע פון א ענגלישע בירגערין יעצט אין קריעגס צייט ווערען זי אין פיער און צוואנציג שטונדען ערשאָסען!

(ראזא וויינט אויפ'ן קול).

בעריש: האָב איך ניט געזאגט!... ער איז אַן אויסוואורף! און דאָס חבר'ט זיך נאָך מיט אזא לומפּ!...

קעפּטען (שטרענג צו עהרענזאָן) שפּרעכען זי די וואהרהייט!

עהרענזאָן: אלעס וואס איך זאָג איז די ריינע וואהרהייט.

קעפּטען (גיט אן אָרדער די סאָלדאטען צו בעזוכען עהרענזאָנס טאשען. צוויי סאלדאטען בעזוכען איהם, זיי נעהמען אַרויס אַ דייטשען פּאַספּאָרט און גיבען איהם איבער צום קעפּטען).

קעפּטען (לעזט) אָטאָ מייער, 27 יאהרע אלט געבאָרען בער־לין, דייטשלאנד (ער ווענדעט זיך צו עהרענזאָהן) וואס איז דאָס?....

עהרענזאָן: דאָס איז א דאָקומענט וואָס איך האָב מיר פערשאַפט צו אנטלויפען פון דייטשלאנד וואו איך בין געוועזן ארעסטירט אלס קריעגס געפאנגענער.

(קעפּטען דשאן בול גיט אַ בעפעהל איהם צו אַרעסטירען, ער לעזט פון זיין דאָקומענט) אין נאמען פון זיין קעניג־ליכע האָכהייט זיינער מאַיעסטעט קעניג געאָרג דער פיערטער, קעניג פון גרויסבריטאניען, קייזער פון אינ־דיען א. ז. וו. א. ז. וו. זענט איהר ארעסטירט.

(צו די סאָלדאטען) פיהרט איהם אב.

(צו ראָזאַ) אייך נעהם איך מיט אלס פערדעכטיגטע פערזאָן).

(ראָזא ערשרעקט, לאָזט אַרויס אַ געשריי, פאַלט אין אָנמאַכט).

(פאָרהאנג)

דריטער אקט

ניו יארק

דריי יאָהר שפּעטער.

דריטער אקט

(דער עם צימער, צװײ פענסטער, װײסע שפּיצען פאָרהאַנגען, אין מיטען אַ געדעקטער טיש מיט געשיר און עס צײג, אַרום דעם טיש בענקלאך, בײ דער װאנט א זאָפא, די װענט בעהאנגען מיט ביל־דער, א פּאָליצע מיט ביכער, אַ גלאָזשראנק מיט געשיר.

דורך אַ אָפענע טיער זעהט מען די קיך, ראָזא שטעהט בײם אױװען איז בעשעפטיגט בײ די טעפּ. ענגעלע זײער קינד שפּילט זיך בײ א קינדער טישעל מיט איהר דאָל און שפּילצײג. ראָזא קומט ארײן אײנפאך אָנ־געטון פון אױבען א װײס פארטוך, זי קוקט אויפ׳ן זײגער, אונגעדולדיג רעדט פאַר זיך). שוין צװעלף. ער איז נאָך ניטאָ — (זי געהט צו צום קינד, קושט עס, שפּיעלט זיך מיט איהר. די טיהר עפענט זיך. עהרענזאָן קומט אַרײן).

עהרענזאָן: א גוטען טאָג דיר מײן געליעבטע פרײנדין. (ער געהט צו צו איהר, קושט איהר און דערנאָך זײן קינד).

ראָזא: געה מײן ליעבער, זעץ זיך צום טיש, דאָס עסען איז פאַרטיג.

(עהרענזאָן (זעצט זיך צום טיש לעזט א צײטונג ראָזא געהט אין קיך.... (פּאוזע אײניגע מינוטען)

עהרענזאָן: דו װײסט ראָזעלע, מען רעכט זיך אויף א סטרייק מיט אונזערע באַסעם... (ער לעגט אװעק די צײטונג)

ראָזא: (קומט פון קיך מיט׳ן עסען גיט אויף) אזוי גאָר, א סטרײק ?...

עהרענזאָן: יא און באלד אין גיכען.... די ארבייטער זיינען פון לאנג שוין אונצופריעדען... נאָר זיי האָבען ניט דעם מוטה.... איצט זיינען זיי גוט אָרגאניזירט.. און ווען מען וועט זיי נאָך אביסעל אויפקלעהרען!... קען מען ערוואַרטען אין קורצען א סטרייק — אָבער דאס וועט שוין זיין איין מאל א סטרייק! ניט אזוי ווי די געוועהנליכע געוועזענע סטרייקס... דאָס וועט זיין אן אלגעמיינער גענעראל סטרייק פון אלע פאבען!— אלע! אלע!... וועלען ארויס אין קאמפף!..... דאָס וועט ניט זיין א סימפאטהי סטרייק — נאָר א דעמאָנסטראציאָן פון סאָלידאריטעט, אחדות אין די איינציגע האָפנונג פון ארבייטער!...

ראָזא: ווי לאנג דענקסטו קען אזא סטרייק אָנהאלטען?....

עהרענזאָן: דאָס איז א פראגע פון די אומשטענדען.... און ווי ווייט די ארבייטער וועלען זיין בעוואוסט.... איבריגענס דאָס לאָזט זיך ניט בעשטימען פאָראויס... וועלען די ארבייטער זיין בעוואוסט און זיך האלטען ביי זייערע פרינציפען און פאָדערונגען.... קען דער זיעג זיין א גיכער — זאָלען אָבער זיין „סקעבס" — דאָן איז דער קאמפף א שווערער..

ראָזא: ווען דער סטרייק וועט לאנג אָנהאלטען — וועלען די ארבייטער ליידען —

עהרענזאָן: געוויס ליידען די ארבייטער — (ער זיפצט שווער) אָבער ליידען זיי דען ווייניג אין פאבריק זייער גאנץ לעבען?..... אין'ם קאמפף איז וועניגסטענס דאָ א שטראהל פון האָפנונג! — און מען איז אויף דער פרייער לופט.... ניט אין א פערשלאָסענעם פינסטערען קבר ....

ראָזא (זיפצט טיעף) יא די פרייע לופט, די פרייע לופט —

עהרענזאָן: פעסטער ווילען! און איבערגעבענהייט צו דער אלגעמיינער זאך — מוז פיהרען אלע ארבייטער צום זיעג!...

ראָזא: ווען?... ווען אלע מענשען וואָלטען אזוי געדענקט ווי דו, דאן וואָלט שוין לאנג געווען פרייהייט אויף דער וועלט!...

עהרענזאָן: ווען אלע מענשען וואָלטען דענקען!.... די צרה איז אָבער — וואָס די מענשען דענקען ניט... יא מיין ראָזעלע, די וועניגסטע דענקען — די מאסע איז גלייכגילטיג — זי לאָזט איינינגע דענקען פאר זיך — און די וועניגע וואָס דענקען — קענען אָהנע דער מאסע וועניג אויפטון — ווען מען וויל א גרויסע זאך אויפטון, צום נוצען פאר דער געזעלשאַפט, מוזען אלע וואָס זיך בעטהייליגען, וויסען וואָס זיי האָבען צו טון... און דאָ ליגט די פפליכט פון די איינצעלנע דענקענדע: אויפקלעהרען, און מאכען די מאסע וויסען — און דענקען.... דורך וואָרט און שריפט, און מיט טהאטען: זיין א בײשפיעל, אָפפערן מוז זיך דער איינציגער פאר דער געזעלשאפט.... דאָס איז זיין פליכט!...

ראָזא (זיפצט טיעף) אָפפערן?... פאר וועמען?....

עהרענזאָן: וואָס הייסט פאר וועמען?! — — פאר דער געזעלשאפט! — פאר אונזערע קינדער, פאר די צו־קינפטיגע דורות! — — און פאר דער — פרייהייט!

ראָזא (זיפצט טיעף) פרייהייט! פרייהייט! פאר דער גע־זעלשאפט.... און פאר דיר?... וועניג האסטו געליטען פון דער געזעלשאפט?...

עהרענזאָן: מיר מוזען ליידען און קעמפפען! דער וועג פון אן אידעאליסט איז א שווערער... פול מיט דערנער און שטיינער — ס'איז א שווערע ארבייט צו רייניגען דעם וועג פון דער פערגאנגענהייט, פאר דאס וועט דאָס לעבען זיין אום א זאָ פיעל לייכטער פאר די קומענדע דורות.

ראָזא (זיפצט טיעף) די קומענדע דורות! — — — —

עהרענזאָן: מיר ליידען דורך דער שולד פון אונזערע עלטערן! — — פאר די זינד פון די עלטערן ליידען די קינדער!...

ראָזא (קוקט אויפן קינד דערנאָך אויפן זייגער) ס'איז שפעט —די צייט לויפט מוזט שוין געהן צו דער ארבייט!

עהרענזאָן (שפרינגט אויף געהט צום קינד, קושט עס, דריקט'ס צו זיין ברוסט, געהט צו ראָזא קושט איהר, עפענט די טיער וויל געהן —

עהרענזאָן (קומט צוריק אריין מיט א רויטען צירקולאר אין האַנד, מיט אַ פרעהליך פנים). אַט זעהסטו! איך האָב דיר געזאָגט: דער סטרייק איז שוין ערקלעהרט! משה האָט מיר געברענגט א צירקולאר.

(משה פלאכקאפּ, אַן אדבייטער אין שבת'דיגע בגדים. צו ערשט דאַזירט, ריין געוואַשען דערנאָך פערוואַקסענם פּנים)

משה (קומט אריין) סטרייק! סטרייק! (געהט צו ראָזאַ) מיסעס איצט פאנגט אָן דער קאמפף! גענוג האָבען די פיאַוקעס געזויגען אונזער בלוט! מיר וועלען זיי ציי־גען (ער ווייזט אויף זיך) וועך ס'האָט דעם כח!.... (צו עהרענזאָן) חבר עהרענזאָן, דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן האָט מיך געשיקט נאָך איך, איהר זאָלט זאַ־פאָרט קומען אין האָל. ער וויל איהר זאָלט רעדען פאַר דער מאַסע, מען מוז די מאַסע אויפמונטערען, מען מוז זאָגען די אַרבייטער דאָס זיי זאָלען זיין אייניג....

עהרענזאָן: יא, יא, איך גיעה שוין! (ער וויל לויפען, ראזא וועלכע איז ביז איצט געוועזען פערטוןן מיט'ן קינד, שרייט אויס ערשראָקען)

רובין! גיעה ניט!... זעה נאָר, ס'קינד האָט היץ, ס'איז קראַנק.

(עהרענזאָן געהט צו צום קינד, לעגט צו זיין האנד צום קינדס קאָפּ)

עס וועט דעם קינד חלילה ניט שאַדען, ס'וועט איהם גאָר ניט זיין. (ער וויל געהן).

ראָזא: געה ניט! בלייב אין דער היים—ס'קינד איז קראנק!

עהרענזאָן: ס'איז ניט געפּעהרליך, איך מוז געהן!....
דער סטרייק איז ערקלעהרט, מ'מוז פאר די ארבייטער רעדען....

ראָזא: געה נאָך א דאָקטאר... דו זעהסט ניט, ס'קינד ברענט פון היץ!

(עהרענזאָן ווענדעט זיך צו משה'ן): געה דו רוף א דאָקטאָר, מיין פליכט רופט!... איך מוז געהן... (עהרענזאָן לויפט פאַראויס, משה לויפט איהם נאָך (ביידע אָפּ)

(ראָזא בלייבט אליין מיטן קינד, נעהמט דאָס קינד אויף דער האַנד, דריקט'ס צו איהר ברוסט, קושט עס, געהט אין שלאָפצימער)

(עס ווערט פינסטער אויף דער ביהנע)

די קריזיס

(דאָס שלאָפצימער, אײן פענסטער פערהאַנגען מיט דאָפּעלטע פאָרהאַנגען, האלב דונקעל, בײם פענסטער אין דער הויך הענגט אַ פויגעל שטײגעל, אין שטײגעל פערשפּארט איז א קאנאריען פויגעלע, אײניגע בלומען וואזען מיט פערוועלקטע בלומען שטעהן אויפן פענסטער. אין א גלעזעל װאסער שטעהן אײניגע פרישע װײסע בלומען, נעבען האלב רונדען טישעל שטעהט א באַנק, אויף דער באַנק שטעהט אַ קרוג, און אַ שיסעל מיט װאַסער, דאַנעבען אַן אײנפאַכער שאקעל־שטול, אויף אַ צװײטען טיש שטעהט אַ לאָמפּ אָנגעצונדען, דער לאָמפּ־שירם איז אַביסעל אויפגעהויבען צו דער זײט װאו דאָס קינד ליגט. דער טיש איז האַלב צוגעדעקט, אַ טעפּעל מיט אַ לעפעל שטעהט אויפ׳ן טיש, אײניגע שטיקלאַך פּאַפּיר ליגען אויפ׳ן פוס־באָדען, אַ בילד פון אַ פרוי מיט אַ קינד אויף דער האַנד, הענגט אויפ׳ן װאַנד, אַ שטריק איז געצויגען איבער׳ן שטוב, בעהאַנגען מיט װעש. אַ גרויס בעט װײס איבערצויגען שטעהט בײ׳ן װאַנד. אויף דער ענטגעגענזעצטער זײט פון פענסטער שטעהען צװײ פערשידענע שטולע אויסגעבעט מיט קישענס.

(דאָס קינד ליגט אויפ׳ן געלעגער. ראָזא זיצט נעבען קינד און װײנט. זי געהט אָנגעטאָן אין אַ שלאָפראָק).

משה עפענט די טיהר, שטעקט אַרײן זײן קאָפּ אין טיהר). אָט האָב איך אײך געברענגט א דאָקטאָר. אזא יאָהר אויף מיר װי דער דאָקטאָר פערשטעהט אַ קרענק.

(דאקטאר גוטמאַן קומט אַרײן): א גוטען אבענד, פרוי עהרענזאָן.

(דאָקטאר גוטמאַן, פיערציג יאָהר אַלט, טראָגט אַ שװאַרצע באָרד, עדעלס בענעהמען, רעדט שטיל, געלאַסען)

(ראָזא פערנײגט איהר קאָפּ).

(דאָקטאר גוטמאן לויפט צו צום קינד, שמייכעלט צו איהם. (אַ מינוט פּאַוזע). לעגט אוועק זיין האַנדטאַש אויף אַ שטול, נעהמט אַרויס פון זיין טאַש אַ סטעטאָסקאָפּ, מוט דאָס אָן איבער׳ן קאָפּ. ער אונטערזוכט דאָס קינד, קוקט אויפ׳ן טהערמאָמעטער, וועלכען ער האָט פון אונטערן קינדס צודעק ארויסגעצויגען. ער מאַכט אַ ערנסטע מינע. זעצט זיך בּיים קראַנקען קינד׳ס געלעגער, בּעאָב־אַכט דאָס קינד).

ראָזאַ (ערשראָקען): וואָס פעהלט מיין קינד, העדר דאָקטאר?

דאָקטאָר: שאַ. איצט איז די קריזיס. (עטליכע מינוטען פּאַוזע).

דער דאָקטאָר: דאָס קינד איז ערנסט קראַנק — איהר מוזט עס אַבּהיטען, און טון וואָס איכ׳ל אייך הייסען, וועט מעגליך זיין דאָס קינד צו רעטען. דאָס קינד האָט לונ־גען־ענטצינדונג.

ראָזאַ (וויינט אויפ׳ן קול).

(דער דאָקטאָר בּערוהיגט זי): ניט וויינען הייס איך — דאָס וויינען קען דעם קינד ווייניג וואָס העלפען...

(ער געהט צום פענסטער, נעהמט אַרונטער די פאָרהאַנגען, עפענט דאָס פענסטער): פענסטער מוזען איבּער זיין אָפען... צו זיין געזונד איז נויטיג לופט, פרישע לופט! —

ער געהט צום טיש, שרייבּט אויף אַ צעטעלע): טוט וואָס איך האָבּ דאָ אויפגעשריבּען. — (ער נעהמט זיין טאַש און וויל געהן).

ראָזאַ: דאָקטאר! איהר גיט ניט קיין מעדיצין?...

דאָקטאָר גוטמאַן: ניט נויטיג — איך געבּ זעלטען מעדיצין. מעדיצין איז גיפט!... מאָרגען וועל איך דאָ ווידער זיין. טוט וואָס איך זאָג אייך... (ער געהט אַרויס מיט לאַנגזאַמען שריט).

ס׳שלאפצימער איז פינסטער, ווי פריהער. ס׳קונד ליגט אין בע־טעל. ראָזא זיצט אין נאַכטהעמד נעבען קינד. עהרענזאָן קומט אַריין, ער מאַכט ליכטיג). דער דאָקטאָר איז דאָ געוועזן? —

(ראָזא כליפּעט, זיפצט טיעף, צוואוויינט זיך אויפ׳ן קול).

(עהרענזאָן בערוהיגט זי): וואָס האָט געזאָגט דער דאָקטאָר?
(ראָזא ענטפערט ניט).

עהענזאָן פערטראַכט זיך ערנסט. ער קוקט פערטרויערט אויפן קינד.

(ראָזא, זיפצט שווער): אַזא קליין קינד און שוין אַזוי געפעהר־ליך קראַנק — (כליפּעט, מורמעלט פאַר זיך): לונגען־ענטצינדונג.

(עהרענזאָן ווערט ערשראָקען און ברעכט נערוועז די פינגער): מיין קינד! מיין קינד!... (פּאַזע איניגע מינוטען).

ראָזאָ (רעדט טרייסטענדיג): דער דאָקטאָר האָט געזאָגט מען וועט דאָס קינד קענען רעטען. מען ברויך לופט!... (זי ווייזט אויפ׳ן פענסטער). דער דאָקטאָר האָט געזאָגט: מען ווערט קראַנק פון פערשטיקטע לופט...

עהרענזאָן (זיפצט טיעף, מורמעלט פאַר זיך): לופט, לופט — מיר לעבען אין פערפעסטעטע לופט... אונזער גאַנצער לעבען איז אַרומגערינגעלט, בעגרענעצט, פערשטיקט נאָר צום דערשטיקען...

ראָזאָ: ווי זעהט דער סטרייק אויס?...

עהרענזאָן (לאַכט איראָניש, כאַ, כאַ, כאַ, ווערט פינסטער ערנסט): דער סטרייק?... סטרייק איז גוט!...

ראָזא (ערשראָקען): וואָס איז?...

עהרענזאָן (אין דערזעלבער פּאָזע, שטאַרק צוטראָגעו): דער סטרייק איז גוט!... נאָר — נאָר — די סקעבישע נשמות — — זיי ארבּייטען שוין אין די פאבריקען...

ראָזא (ערשטוינט): שוין?...

עהרענזאָן זיפצט טיעף): שוין!... שוין!...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

(אַ מינוט פּאָזע)

(מען הערט אַ שטאַרקעס קלאַפּען אין טיהר. פון דרויסען אַ געשריי פון פאָלק, אַ ליאַרעם).

ראָזא (ערשראָקען): וואָס איז דאָס? וואָס זאָל דאָס בעדייטען?

עהרענזאָן (שפּרינגט אויף) דאָס פאָלק! די מאַסע! די גרויסע מעכטיגע מאַסע!... דער קאָלאָסאַלער ריעז — כאַ, כאַ, כאַ... ערוואַכט! דער ריעז שטעהט אויף! —

משה פלאַכקאָפּ (לויפט אריין אַ פערסאַפּעטער, אַ צוטראָגענער): די פּאָליציי זוכט איך, זיי געהן אהער, מען וועט איך ארעסטען. ענטלויפט! ענטלויפט! (ער ווייזט אָן אויף אַ הינטער טיהר).

עהרענזאָן (צוטראָגעו): הא! די פּאָליציי?... איך... ענטלויפען? כאַ, כאַ, כאַ, כאַ, כאַ. (ער לויפט צו דער טיהר).

ראָזא (מאַכט אַ געוואַלד): עהרענזאָן! עהרענזאָן! (זי לויפט איהם נאָך, האַלט איהם צוריק).

(משה לויפט איהם נאָך צו דער טיהר. עהרענזאָן רייסט אויף די טיהר): דאַ בין איך! דאַ בין איך! (ער וויל ארויס. ביידע האַלטען איהם צוריק).

(פאָרהאַנג).

פיערטער אקט

ניו יארק

א יאָהר שפּעטער

פיערטער אקט

(דאָס עס־צימער, ניט אויפגערוימט, אַנגעוואָרפען פאַפירען, ביכער, צייטונגען. עהרענזאָן שטעהט אין מיטען שטוב אָהנע ראָק, אָהנע קראַגען אין העמד, פון טונקעלען מאַטעריאַל. ער האַלט די מאָרדע אין האַנד, שטעהט פערטראַכט, זעהט אויס קרענקליך, איז זעהר שטאַרק געעלטערט. ס'פּנים אַביסעל פערוואַקסען. משה פלאכקאפּ זיצט אויף אַ טשער אין אַ ווינקעל אָנגעטאָן ווי אַ טרעמפּ, פערנאַכלעסיגט, מאָגער אויפ'ן פּנים, ניט ראַזירט).

משה (רעדט פאַר זיך): מיך וואָלט שוין ניט געאַרט פאַר מיר — ס'וואָלט מיך ניט געאַרט וואָס דורך די פערקויפטע נשמות איז פערלוירען געגאַנגען דער סטרייק — וואָס מיך אַרט, איז (ווענדעט זיך צו עהרענזאָן) די געמיינע באַנדע! אזעלכע געזעצליכע רויבער! — גיבען אַ מענשען אזוי אַ שטראָף!... עפּעס געהערט?... וואָס הייסט?.. בעראורטהיילען אַ מענשען צו אַ יאָהר פריזאָן!... פאַרוואָס?... פאַר רעדען דעם אמת? !... אַ הפקר וועלט!... ס'איז עפּעס מענשען?.. געהערט אַ נערעכטיגקייט? !... זייט די וועלט שטעהט, איז אַזוינס ניט געהערט געוואָרען...

עהרענזאָן: ביזט אַ נאַר — קאַפּיטאַל האָט די מאַכט ! זיי האָבען די מאַכט! — האָבען זיי רעכט!... מאַכט איז רעכט ! .... ווען די אַרבייטער וואָלטען געוואָלט — וואָלטען זיי דאָס רעכט געהאַט!...

משה: װאָס הײסט זײ װאָלטען געװאָלט?... זײ װילען דען ניט? !... זײ פערשטעהן פּשוט ניט!...

משה (גיט אַ קוק אויפ'ן זײגער): ס'איז שוין נײן אַ זײגער, ראָזעלע איז נאָך ניט געקומען פון דער ארבײט? —

עהרענזאָן (אין דערזעלבער פּאָזע. קוקט אויף משה'ן, דערנאָך אויפ'ן זײגער, גיט אַ כאַפּ פון שטול זײן ראָק. צו משה'ן): קום ! איך געה זעהן װאו זי איז אַזוי שפּעט!...

(בײדע געהן ארויס).

(ראָזא קומט אַרײן, זי איז בלאַס אויפ'ן פּנים, שײנבאַר נערװעז, געהט אָנגעטאָן אין אַ שװאַרצען קלײד און אַ װײסע בלוזע. טראָגט אַ גרויסע האַנדטאַש אין האַנד. נאָך איהר קומט ארײן עהרענזאָן(.

עהרענזאָן: װאָס ביזט דו עפּעס אַזוי שפּעט הײנט?... װאָס אַ טאָג קומסט דו שפּעטער!...

ראָזא (נערװעז, װערט צוטומעלט): איך — איך — האָב געראַרבײט הײנט אָװערטײם... דער באָס האָט מיך גע־בעטען, איך זאָל ארבײטען לענגער, בין איך געבליבען אַרבײטען... (זי מאַכט אויף איהר האַנדטאַש, נעהמט אַרויס אַ שטיקעל טשאָקאָלאַד, שטעקט איהם אין מויל די טשאָ־קאָלאַד. ער שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף נײן. זי שטעקט איהם דאָך אַרײן אַ שטיקעל).

עהרענזאָן: פון װאַנען האָסט דו דאָס?... דו האָסט דאָך הײנט אין דערפריה קײן געלד געהאַט.

ראָזא: איך... איך... (זי װערט ערשראָקען) איך האָב די טשאָקלאַד בעקומען פון מיסטער פרײלעב...

עהרענזאָן (פערדעכטיגט): פון וועמען?...

ראָזאַ: פון מיסטער פריילעב, דער דראָגיסט.

עהרענזאָן (נייגעריג): ווער איז דאָס?...

ראָזאַ: מיסטער פריילעב, ער האָט אַ דראָגסטאָר נעבען שאַפּ וואו איך אַרבייט. דינערטיים רופט ער מיך אריין — האָט ער מיך אריינגערופען — ער... ער קומט צו מיין באָס... ער ברענגט אריין שאָקאָלאַדע.

(עהרענזאָן שפּיט אויס די טשאָקאָלאַד).

(ראָזאַ בעמערקט דאָסניט).

ראָזאַ נעהמט אַרויס פון איהר טאַש אַ קאָרסעט (נאַאיוו). יעהסט, דאָס האָב איך מיר געקויפט!... צום גראָדהאַלטען מיין רוקען... (זי ציינט איהם דעם קאָרסעט).

עהרענזאָן (ערנסט פערדעכטיג): וואָס הייסט?... די האָסט דאָך קיין געלד?...

ראָזאַ: אָבער — מיסטער פריילעב האָט מיר דאָס געגעבען אויף צייט!... ווען איכ'ל האָבען געלד — האָט ער גע־זאָגט — וועל איך איהם בעצאָהלען.

עהרענזאָן (קוקט אויף איהר, דאַן אויפ'ן קאָרסעט, נעהמט דעם קאָרסעט פון איהר הענד, לעגט איהם צוזאַמען, שטעקט איהם אין זיין ראָק־טאַש אריין. ווענדעט זיך צו ראָזאַ): קום!... (ער רופט מיט'ן קאָפּ): קום ! קום ! (ער נעהמט זי אַהן ליינט ביי דען אַרבעל).

ראָזאַ (קוקט אויף איהם ערשראָקען): וואו זאָל איך געהן?...

עהרענזאָן: קום! פרעג ניט, קום מיט מיר —

ראָזא (ערבלייכט פאַר שרעק): איך געה ניט. איך וויל וויסען וואו דו רופסט מיך...

עהרענזאָן: קום, מיר געהען צו מיסטער פריילעב —

ראָזא (ציטערט ערשראָקען): נאָך וואָס?...

עהרענזאָן: איך וויל איהם קענען לערנען! —

ראָזא: נאָך וואָס ברויכסטו איהם?...

עהרענזאָן: איך וויל זעהן זיין פנים, איך וויל זעהן ווי ער זעהט אויס.

ראָזא: איך געה ניט. זי וויינט). איך געה ניט!

עהרענזאָן: וואָס האָסו מורא?... איך וויל זעהן דעם מאַן וואָס גיט דיר טשאָקאָלאַד! .. (איראָניש) און קאָרסעטס... קום! קום!

ראָזא (וויינט שטאַרק). ניין, איך געה ניט — (זי פאַלט אויף די קניע, בעהאַלט איהר פנים אין בײדע הענד. וויינט).

עהרענזאָן (זעהר צוטראָגען, קענטיג ער ליידט שטאַרק. ער רייסט זיך די האָר פון קאָפּ, בייסט די פינגער־נעגעל. די סצענע געהט אַן פאַר עטליכע מינוטען).

עהרענזאָן (מיט אַ פערוויינטע שטימע): שטעה אויף...

(ראָזא וויינט נאָך שטאַרקער).

עהרענזאָן: וואָס נוצט דאָס וויינען — שטעה אויף, איך וויל רעדען צו דיר...

(ראָזא קניעט ווי פריהער, האַלט די הענד צוזאַמען, כליפעט. זי קען איהם ניט קוקען אין די אויגען).

— — — — — — — — — — — — — — — — —

עהרענזאָן: זייט ווען?... האַ! נו! נו! רעדט!!

ראָזא (צואווינט זיך ווידער): איך בין ניט שולדיג!...

עהרענזאָן: איך פרעג דיך ניט צו דו ביזט שולדיג — זייט ווען?...

ראָזא: צייט... צ־יי־ט נ־יי־ן ל־א־נ־ג... ער האָט מיך אריינגערופען, מיר ווייזען בילדער...

און — **און** — — — — — — — — — — — — — — — —

(זי וויינט שטאַרק, בעהאַלט ס'פּנים אין ביידע הענד).

עהרענזאָן (זיפצט טיעף, ער לאָזט זיך אַראָפּ אויסגעמאַטערט אויף אַ בענקעל).

ראָזא (גערט צו צו איהם אויף די קניע, נעהמט אַרום זיינע פיס, גראבט איהר קאָפּ צווישען זיינע קניע, און כליפעט).

עהרענזאָן (רעדט מיט אַ וויינענדע שטימע): האָסט פערגעסען דיין איינציג קינד... האָסט ניט געדענקט וועגען אונזער מיידעלע....

(ראָזא וויינט שטאַרק).

עהרענזאָן: װי פערגעסט זיך אַזױ אַ מאַמע אין איהר אײנ־ציג קינד... (זיפצט טיעף). האָסט פערגעסען אַזױ גיך אין אונזער ענגעלע... (רעדט פאַר זיך): מײן אָרים קינד... אַזױ יונג און שױן אַזױ אונגליקליך — אַ לעבעדיגע יתומה׳לע!... (ער װײנט).

ראָזאַ (קוקט אַרױף צו איהם, קוקט איהם אין די אױגען... װישט איהם אָב די טרעהרען): װײן ניט!... װײן ניט!... (זי לעגט צוזאַמען די הענד. בעט מיט אַ פערשטיקטען געװײן): פערצײ מיר, פערצײ מיר!.... איך װעל שױן קײנמאָל ניט! — קײנמאָל ניט!...

פאָרהאַנג:

לעצטע סצענע.

(הערשעלי פריילעב'ס אפטייק). פּאָליצעס מיט פלאַשען פון פער־שידענע גרויס מיט פערשידענע לאַטייגישע אויפשריפטען. אַ קאונטער, אַ טעלעפאָן־ביידעל, א קאַסטען מיט פערבאַנד־שטאָפען, אינסטרומענטען. אַ מענשליכער סקעלעטאָן שטעהט אין אַ ווינקעל. אַ קליין טיהרעל איז זיכטבאַר אין אַ הינטער־צימער).

עהרענזאָן קומט אַריין, בלייבט שטעהן אין מיטען סטאָר, (רוהיג געפאַסט). קוקט זיך אום אין אַלע זייטען. דאָס הינטער־טירעל עפענט זיך. פריילעב טרעט אַריין.

(הערשעלי פריילעב, אַ שאַרלאַטאַנסקער דראָגיסט, פינף און דרייסיג יאָהר אַלט, א ראַזידטע מאָרדע, אַ דיק־לעכער יונג)

(עהרענזאָן מאַכט אַ שריט פאָרוועררטס, רעדט שטיל פאַר זיך): אַ דאָ קומט דער שורקע.

עהרענזאָן: מיין נאָמען איז עהרענזאָן!

עהרענזאָן (שטרענג): זענט איהר מיסטער פריילעב?

(הערשעלי פריילעב ווערט בלייך, הייבט אָן ציטערן. שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף יאָ. האַלט זיך אָן טיש).

עהרענזאָן: קענט איהר מיין פרוי?...

פריילעב (שטאַרק נערוועז): איך... איך וויים ניט — אפשר יאָ — ווער איז זי?...

עהרענזאָן: קענט איהר דאָס מיידעל וואָס ארבייט דאָ אין דער פעקטאָרי? וואָס איהר האָט טשאָקאָלאדע געגעבען, אַ קאָרסעטעל פערקויפט, בילדער געוויזען....

פריילעב ווערט בלייך, ציטערט שטאַרק אויף הענד און פיס.
(אַ מינוט פאוזע). ביידע קוקען זיך אָן.

עהרענזאָן (שטרענג בעפעהלענד): קענט איהר זי!?...

פריילעב קארטשעט זיך. צוזאַמען, רוקט זיך אַרונטער גאַנץ ביז צום פוסבאָדען. שטאַמעלט אַרויס: ס'איז ניט מיין שולד. זי קומט שוין לאנג אריין. צייט יאָהרען....

עהרענזאָן (אויפגערעגט): האָ? ! צייט יאָהרען? !... (ער ציהט פון טאַש זיין רעוואָלווער און שיסט. (שרייט אויס):

מענשליכע בעסטיע ! זי וועט צו דיר ניט מעהר קומען!... (פריילעב פאַלט טויט).

ענדע.



Ideal und Leiden

DRAMA IN VIER AKTEN

— VON —

DR. HENRI LANDWIRTH

Herausgegeben von
KUNST VERLAG
CHICAGO, 1915

זאַץ און אַרטיסטישע איינטהיילונג
פון יוסף ערעלסאן

379

אידישע ארבייטער וועלט דרוקעריי
1114 בלו איילאנד עווענו
שיקאַגא